# דעם רבינ'ס ליכט

נח תשפ"ג
גליון 114



אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

דִי וָואךְ רֶעדְט דִי תּוֹרָה וֶועגְן דִי תֵּיבָה וָואס נֹחַ הָאט גֶעבּוֹיט צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם מַבּוּל. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז נוֹגֵעַ פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע צַייט, אִין יֶעדְן מַצָּב.

וֶועלְן מִיר אַבִּיסְל זֶען וִויאַזוֹי דֶער רֶבִּי טַייטְשׁ אַרַיין דִי פְּסוּקִים אִין דִי פַּרְשָׁה אוּן עֶר אִיז דָאס מְפָרֵשׁ אוֹיף דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה. עֶס אִיז דָא אַ תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ פָּסוּק פוּן דִי פַּרְשָׁה "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה וּפֶתַח הַתֵּבָה בְּצִדָּהּ תָּשִׂים תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִשִׁים תַּעֲשֶׂהָ, רֶעדְט דֶער רֶבִּי אַרוּם בַּאֲרִיכוּת אַז דִי קְדוּשָּׁה אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וַוייל אַלֶעמָאל קֶעגְן דִי קְדוּשָּׁה אִיז דָא דֶער בַּעַל דָּבָר וָואס לָאזְט נִישְׁט אוֹיסְפִירְן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיד וִויל טוּן אוּן עֶר וַוארְפְט אִים נָאךְ אַרַיין אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַ אִיד וִויל דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּרֶעדְן אַ וָוארְט וַוייל דִי חִיצוֹנִים נֶעמֶען אִים אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטְן וֶועגְן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ דִּבּוּר פַארְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַהֲבָה אוּן יִרְאָה אוּן חִיוּת אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַלֶע בַּקָּשׁוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט הָאבְּן נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ שְׁפַּאלְטְן דִי הִימְלֶען אַז דִי תְּפִלּוֹת זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן אָרְט, דֶערִיבֶּער בְּלַייבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת זִיצְן דָא אוּנְטְן, בִּיז דֶער אִיד וֶועט רֶעדְן אַן אֱמֶת'ן דִּבּוּר צוּ אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרוֹיסְרֶעדְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ מִיט אַ הִתְעוֹרְרוּת, דֶעמָאלְט קֶען זַיינֶע רֵייד צוּשְׁפַּאלְטְן אַלֶע מְחִיצוֹת אוּן




מוֹיעֶרְן וֶועלְכֶע טֵיילְן אָפּ צְווִישְׁן אוּנְז אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער אֱמֶת'ער דִּבּוּר נֶעמְט אוֹיךְ מִיט מִיט זִיךְ אַלֶע דִיבּוּרִים וֶועלְכֶע וַוארְטְן בִּיז אִיצְטֶער אַרוֹיפְצוּגֵיין.

וִויאַזוֹי אִיז מֶען טַאקֶע זוֹכֶה צוּ שְׁפַּאלְטְן דִי בְּלָאקִירְטֶע מוֹיעֶרְן, דִי סִטְרָא אַחֲרָא הָאט דָאךְ אַזַא שְׁטַארְקְן כֹּחַ?! זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל גֵיין מִיטְן אֱמֶת! מִיט דַיין אֱמֶת לוֹיט דַיינֶע מַדְרֵגוֹת, וַוייל דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס חוֹתָם אִיז אֱמֶת. אֱמֶת אִיז 'רֹאשׁ, תּוֹךְ, סוֹף' דֶער אַלֶף אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹת, מֵם, אִיז דֶער מִיטְלְסְטֶע

המשך אויף זייט 7

# גֶעכַאפְּט אִינֶעם מַבּוּל

טִיף אִינֶעם גֶעדִיכְטְן וַואלְד הֶערְשְׁט אַ שְׁטִילְקֵייט. פוּן מָאל צוּ מָאל וֶוערְט דִי שְׁטִילְקֵייט צוּשְׁטֶערְט פוּן אַ וִוינְט וָואס בְּלָאזְט אוּן שָׁאקְלְט דִי צְוֵוייגְן פוּן דִי בֵּיימֶער, אָדֶער פוּן אַ בְּרוּם פוּן אַ הוּנְגֶערִיגֶע חַיָּה, אָדֶער פוּנֶעם גֶערוֹיש פוּן אַן אֵיינְזַאמֶע הֶערְשׁ וָואס לוֹיפְט דוּרְךְ דִי הוֹיכֶע גְרָאזְן.

פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל. אַ שְׁטַארְקֶע גֶערוּדֶער צוּשְׁטֶערְט אוֹיפְאֵיינְמָאל דֶעם רוּאִיגְן טוּנְקְלְן וַואלְד.

״טִיפֶער! טִיפֶער! סָאלְדַאטְן! לָאמִיר אַרַיין טִיפֶער אִין וַואלְד!״ שְׁרַייט דֶער קֶענִיג אוֹיס, וֶוען אִין אֵיין הַאנְט הַאלְט עֶר אַן אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטְן לַאנְגֶע פֵייל אוּן אוֹיף זַיין אַקְסְל הֶענְגְט אַ רִיזִיגְן בּוֹיגְן. צֶענְדְלִיגֶע גֶעשִׁיקְטֶע וֵוייסֶע פֶערְד פָאלְגְן נָאךְ דֶעם קֶענִיגְ'ס בַּאפֶעל אוּן אֵיילְן זִיךְ אַרַיינְצוּגֵיין טִיפֶער אִין וַואלְד. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג הַיינְט. אַ טָאג נָאךְ לַאנְגֶע הֲכָנוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע צוּגְרֵייטוּנְגֶען. שׁוֹין עֶטְלִיכֶע וָואכְן וָואס אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה גְרֵייטְן זִיךְ אַז אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן אַז דֶער קֶענִיג זָאל עֶרְפִילְן זַיין וואוּנְטְש אוּן קֶענֶען שְׁפִּירְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הֲנָאָה פוּן פַאנְגֶען פִילֶע חַיּוֹת דוּרְכְאוֹיס זַיין בַּאלִיבְּטְן שְׁפִּיל – ״נָאוָולָאוִוי״.

דֶער קֶענִיג וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ פָּארְט עֶר בַּאגְלֵייט מִיט אַ גַאנְצֶע סְוִויטֶע פוּן הוּנְדֶערְטֶער בַּאדִינֶער, אַ פְּרַאכְטְפוּלְן גָאלְדֶענֶעם קַארֶעטֶע אוּן אָנְגֶעטוּן מִיט דִי טַייעֶרְסְטֶע קְלֵיידֶער אוּן אַ שַׁיינֶענְדִיגֶע קְרוֹין אוֹיפְן קָאפּ, הָאט דָאס מָאל אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין פַּאלַאץ. אִין וַואלְד הָאט עֶר זִיךְ נָאר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע וֵוייסֶע פֶערְד, אוּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן אִין פָּשׁוּטֶ'ע קְלֵיידֶער, בַּאגְלֵייט מִיט גֶעצֵיילְטֶע גֶעטְרַייעֶ הוֹיכְרַאנְגִיגֶע הַארְן פוּן פַּאלַאץ. דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן אַז סְ'זָאל אִים גְרִינְגֶער זַיין אַרוּמְצוּשְׁפִּילְן, לַאכְן, אוּן פַארְוַוויילְן רוּאִיג וִוי זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט אוּן שְׁפִּירְן אִין דִי גֶעיֶעג אַ גֶענְצְלִיכֶע הֲנָאָה.

דִי לוּפְט אִיז פִיל מִיט אַנְגְסְט. יֶעדְנְס אוֹיגְן אוּן אוֹיעֶרְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁפִּיצְט אוּן אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ אוֹיפְכַאפְּן יֶעדֶע מִינְדֶערְסְטֶע טְרֵייסְל צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער. אֶפְשָׁר וֶועט זֵיי פָּארְט גֶעלוּנְגֶען צוּ דֶערְוִוישְׁן אַ פֶעטֶע רוֹיבּ, אֶפְשָׁר אַ בֶּער אָדֶער גָאר אַ לֵייבּ?!

דֶער קֶענִיג מִיט זַיינֶע חָשׁוּבֶ'ע בַּאגְלֵייטֶערְס, דִי הוֹיעכְגֶעשֶׁעצְטֶע הַארְן פוּן פַּאלַאץ, זוּכְן מִיט שְׁפַּאנוּנְג צוּ טְרֶעפְן פְרִישֶׁע חַיּוֹת. אַמָאל גֶעלוּנְגְט טַאקֶע אֵיינֶעם צוּ שִׁיסְן אַ זֶעלְטֶענֶע שֵׁיינֶעם טִיגֶער, אָבֶּער עֶס מַאכְט זִיךְ גַאנְץ אָפְט וֶוען נָאכְן נָאכְיָאגְן אַ הֶערְשׁ פַאר אַ לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶע, גְלִיטְשְׁט זִי זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג אַרוֹיס פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן מִישְׁט זִיךְ אוֹיס צְוִוישְׁן דִי פִילֶע בֵּיימֶער, דַאן אִיז דִי שְׁפִּיל אַ דוּרְכְגֶעפַאלֶענֶע אוּן דִי אַנְטוֹישׁוּנְג אִיז גְרוֹיס.

אִינְמִיטְן דֶעם גְרוֹיסְן טוּמְל וֶוען אַלֶע זֶענֶען פַארְטוּן אִינֶעם גֶעיֶעג הָאט מִיטְאַמָאל אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְט, וָואס הָאט גֶענְצְלִיךְ פַארְדֶעקְט דֶעם שֵׁיין פוּנֶעם זוּן. עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט



המשך קומענדיגע בלאט

# איין מעשה'לע

דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער



## אַ שְׁפַּאצִיר מִיט תְּפִלָּה

חוֹל הַמּוֹעֵד הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי פְּלֶעצֶער אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל עֶס פַארְצֵיילְן בַּיי מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעהֶערְט מַיין תְּפִלָּה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן דָארְט וואוּ אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען.

אִיךְ וִויל אַייךְ דַאנְקְן פַארְן אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ אוֹיף אַ קְלֵיינֶע זַאךְ.

שִׁמְעוֹן, יְרוּשָׁלַיִם

## בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ

פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז דאס יָאר וֶועט עֶר מִיר נִישְׁט קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין תְּפִלָּה אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז גָאר שְׁוֶוער אִיךְ זָאל קֶענֶען פָארְן וַוייל מַיין טַאטֶע הָאט גֶעקוֹיפְט דִי לֶעצְטֶע פְּלַאץ אוֹיפְן פְלִיגֶער, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעוואוּסְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס טוּן אוּן מֶען דַארְף אִים בֶּעטְן.

יֶעדְן נַאכְט פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, צוּם סוֹף טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִגְקֵייטְן בִּין אִיךְ גֶעפָארְן בִּזְכוּת דִי תְּפִלּוֹת אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

שִׂמְחָה

## דעם רבי'נס מעשיות

אוּן גֶעהַאגְלְט, מַמָּשׁ וִוי אַ יַם הָאט פַארְפְלֵייצְט דֶעם וַואלְד. דִי בֵּיימֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן פוּן דִי שְׁטַארְקֶע דִינֶערְן אוּן שְׁוֶוערֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְטְן. דִי עֶרְד פוּן וַואלְד אִיז גֶעוָוארְן פוּל מִיט טִיפֶע זוּמְפְּן. אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן צוּמִישֶׁענִישׁ הָאט גֶעהֶערְשְׁט צְווִישְׁן דֶעם קֶענִיג'ס הַארְן. יֶעדֶער הָאט גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִיס אוּן אַנְטְלָאפְן פַארְן לֶעבְּן. אֵיין גֶענֶערַאל וָואס הָאט גֶעקֶענְט גוּט קְרִיכְן אִיז אַרוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אַ הוֹיכֶע דִיקֶע בּוֹים דָארְט צוּ טְרֶעפְן שִׁיצוּנְג. אַ צְוֵוייטֶער קָאמַאנְדִיר אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין אַ קְלֵיינֶע הֵייל וָואס עֶר הָאט גֶעפִינֶען. אַ דְרִיטֶער הָאט צוּ זַיין מַזָּל אַנְטְדֶעקְט אַבִּיסְל וַוייטֶער אַוֶועק אַ גְרוֹיסֶע פֶעלְזְן שְׁטֵיין אוּן זִיךְ אַרַיינְגֶעקְוֶועטְשְׁט דָארְטְן בַּיי דֶער זַייט. יֶעדֶער הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן שִׁיצוּנְג פוּנֶעם פַארְפְלֵייצוּנְג אוֹיסֶער אֵיינֶער. דֶער קֶענִיג אַלֵיין.

"וואוּ זֶענֶען מַיינֶע בַּאדִינֶער?!" הָאט דֶער קֶענִיג אִין גְרוֹיס פַארְגֶעלְגְנָהַייט דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אִין אַלֶע זַייטְן. "וואוּ זֶענֶען מַיינֶע גֶעטְרַייעֶ וֶועכְטֶער אוּן בַּאשִׁיצֶער? וֶוער וֶועט מִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנָה

המשך קומענדיגע בלאט

# דעם רבי'נס מעשיות

אִין וָואס אִיךְ גֶעפִוּן זִיךְ יֶעצְט?!"

בֵּיימֶער הָאבְּן גֶעטְרַאסְקֶעט פוּן אַלֶע זַייטְן פוּן דִי שְׁטוּרְמִישֶׁע ווִינְטְן מִיט אַ שוֹידֶערְלִיכֶע גֶערוֹישׁ ווִי בָּאמְבֶּעס וָואלְטְן אוֹיפְגֶעפְּלַאצְט. דִי עֶרְד אִיז גֶעוָוארְן אֵיין גְרוֹיסֶע זוּמְפּ, קוֹים וָואס דֶער קֶענִיג הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן זַיין פִיס צוּ גֶעבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע טְרִיט אָבֶּער זַיין גְרֶעסְטֶע צַעַר אִיז גֶעוֶוען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן אַזוֹי עֶלְנְד אֵיינְזַאם אִין אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע לַאגֶע.

"וואוּ זֶענֶען זֵיי? פַארְוָואס הֶער אִיךְ נִישְׁט קַיין קוֹל פוּן קֵיינֶעם מִיךְ זוּכְן? צוּ טְרַאכְטְן זֵיי פוּן מִיר? צוּ זָארְגְן זֵיי בִּכְלַל פַאר מִיר? צוּ טוּט עֶס זֵיי וֵויי אַז אִיךְ בִּין דָא אַזוֹי עֶלְנְד אַלֵיין, אִין אַ סַכָּנָה פוּן אוּמְקוּמֶען יֶעדֶע רֶגַע? קֵיינֶער! אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין אֵיינְצִיגֶער פוּן מַיינֶע גֶעטְרַייעֶסְטֶע שָׂרִים קוּמֶען מִיר נִישְׁט זוּכְן אוּן רַאטֶעוֶוען?"

לַאנְגֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִינוּטְן וֶועלְכֶע הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַן אֵייבִּיגְקֵייט זֶענֶען דוּרְךְ. מִינוּטְן אִין וָואס דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶערַאנְגְלְט פַאר זַיין לֶעבְּן. גֶעקְרָאכְן צְווִישְׁן דִי פִילֶע אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע בֵּיימֶער, גֶעזוּנְקֶען אִין שְׁוֶוערֶע זוּמְפְּן וֶוען זַיין גַאנְצֶער קֶערְפֶּער טְרֵייסְלְט פוּן קֶעלְט אוּן זַיינֶע נַאסֶע, דוּרְכְגֶעוֵוייקְטֶע קְלֵיידֶער וֶועגְן אִים אַרָאפּ אוּן מַאכְט אִים שְׁוֶוערֶער דָאס גֵיין. עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר דֶערְגְרַייכְט צוּם עֶק וַואלְד וואוּ עֶר הָאט צוּ זַיין גְרוֹיס פְרֵייד דֶערְזֶען אַ קְלֵיינֶע הַאלְבּ אַיינְגֶעפַאלֶענֶע הַייזְקֶע פוּן אַ דָארְפִישֶׁע פוֹיעֶר. נַאס, קַאלְט, שְׁוַואךְ, אוּן צוּבְּרָאכְן הָאט דֶער קֶענִיג מִיט צִיטֶערְדִיגֶע הֶענְט אָנְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר. מִיט אַ שְׁוַואכֶע שְׁטִימֶע הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם דָארְפְסְמַאן אוֹיבּ עֶר קֶען נֶעכְטִיגְן אִין זַיין שְׁטוּבּ דִי נַאכְט.

דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט מִיט אַ בְּרֵייטֶע וַוארֶעמֶע שְׁמֵייכְל גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ. עֶר הָאט נָאר אַ בְּלִיק גֶעטוּן אוֹיף זַיין נֵייעֶם גַאסְט אוּן גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן. גְלַייךְ אִיז עֶר אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין צְוֵוייטְן צִימֶער אוּן אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן עֶרְגֶעץ וואוּ אַן אַלְטֶע פַארְלַאטֶעטֶע הֶעמְד אוּן פוֹיעֶרִישֶׁע בְּרוֹינֶע הוֹיזְן. עֶר הָאט שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶעטוּן דֶעם קֶענִיג. דֶעם קֶענִיגְ'ס נַאסֶע, דוּרְכְגֶעוֵוייקְטֶע קְלֵיידֶער הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הֶעכֶערְן אוֹיוְון עֶס זָאל זִיךְ טְרִיקֶענֶען. דַאן הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין פְּרָאסְטְן מַאנְטְל אוּן גוּט אַרוּמְגֶעווִיקְלְט דֶעם קֶענִיג, דֶערְנָאךְ אִים אָנְגֶעטוּן זַיינֶע דִיקֶע שְׁטִיוְול אוּן אִים אַוֶועקְגֶעלֵייגְט נֶעבְּן אוֹיוְון. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן עֶטְלִיכֶע דִיקֶע בְּרֶעטֶער אִינֶעם אוֹיוְון אַז עֶס זָאל וֶוערְן וַוארֶעם אָנְגֶעהֵייצְט דָאס צִימֶער.

מִיטְן גַאנְצְן הַארְצְן הָאט עֶר גֶעטוּן אַלֶעס אַז זַיין גַאסְט זָאל קוּמֶען צוּרִיק צוּ זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן זִיךְ דֶערְוַוארֶעמֶען זַיינֶע פַארְפְרוֹירֶענֶע בֵּיינֶער. אוֹיךְ הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִן הַסְּתָם הָאט זַיין גַאסְט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעגֶעסְן, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטְן אַ רֶעפְטְל שְׁוַוארְצֶע בְּרוֹיט אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט מִיט אַ טֶעלֶער וַוארִימֶע 'גְרִיץ' – אַ פוֹיעֶרִישֶׁע אָרִימֶע גֶערְשְׁטְן זוּפּ.



דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ דֶערְקְוִויקְט זַיין הַארְץ מִיט דֶער פָּשׁוּטֶ'ער טֶעלֶער


המשך קומענדיגע בלאט

זוּפּ. עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶערִין אַ גֶעוואַלְדִיגְן טַעַם. אַזוֹי עֶסְנ'דִיג אֵיין לֶעפְל נָאכְן צְווייטְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז פוּן אַלֶע יָארְן אִין פַּאלַאץ וָואס עֶר עֶסְט דִי רַייכְסְטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקְסְטֶע עֶסְן צוּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ וֶועלְט בַּארִימְטֶע קֶעכֶערְס גֶעדֶענְקְט עֶר זִיךְ נִישְׁט עֶסְן אַזַא גֶעשְׁמַאקְן זוּפּ.

”אִין מַיין לֶעבְּן!” הָאט דֶער קֶענִיג אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן צוּ זִיךְ אַלֵיין. ”אִין מַיין לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען אַזַא זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם!”

ווִי נָאר דֶער קֶענִיג הָאט גֶעעֶנְדִיגְט עֶסְן הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁוֶוערֶע מִידְקַייט. דֶער גֶעטְרֵייעֶר דָארְפְסְמַאן הָאט אִים אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַבִּיסְל שְׁטְרוֹי אוּן מִיט זַיינֶע בֶּעסְטֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן מְסַדֵּר גֶעוֶוען אַ 'בֶּעט' פַארְן קֶענִיג נֶעבְּן דֶעם אָנְגֶעצִינְדֶענֶעם וַוארֶעמֶען אוֹיוְון. דֶער קֶענִיג הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיינֶע מִידֶע בֵּיינֶער אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפְן זִיסְן שְׁלָאף.

דֶערְוַוייל זֶענֶען אַלֶע חָשׁוּבֶ'ע הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶע הַארְן פוּן קֶענִיג גֶעזֶעצְן יֶעדֶער אִין זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן גֶעוַוארְט אַז דֶער מַבּוּל זָאל אַבִּיסְל נָאכְלָאזְן. וֶוען דִי ווִינְטְן זֶענֶען גֶעוָוארְן שְׁוַואכֶער אוּן דֶער רֶעגְן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט, הָאבְּן זִיךְ בִּיסְלֶעכְוַוייז אֵיין גֶענֶעראַל נָאכְן צְווייטְן, אֵיין שַׂר נָאךְ דִי אַנְדֶערֶע,



אַרוֹיסְגֶעשְׁלַייכְט פוּן אוּנְטֶער פֶעלְזְן שְׁטֵיינֶער, גְרִיבֶּער, אוּן אַנְדֶערֶע בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּזַאמְגֶעטְרָאפְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן דֶעם פְּלוּצְלִינְגְדִיגְן שְׁרֶעקְלִיכְן מַבּוּל. פְּלוּצְלִינְג הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז גָאר דֶער קֶענִיג פֶעלְט! דֶער גְרוֹיסֶער מֶעכְטִיגֶער קֶענִיג וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאלְט בַּאשִׁיצְן אוּן רֶעטְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא!

זֵיי זֶענֶען זִיךְ צֶעלָאפְן אִין אַלֶע זַייטְן זוּכְן, נִישְׁטֶערְן צְווִישְׁן דִי גֶעדֶעכְטֶע בֵּיימֶער אוּן שְׁטֵיינֶער אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען דֶעם קֶענִיג. נָאךְ לַאנְגֶע שָׁעוֹת פוּן פַארְצְוֵוייפְלוּנְג אוּן שְׁרֶעק הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט דֶעם דָארְפְסְמַאן'ס הַייזְל. שְׁנֶעל הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם פּוֹיעֶר אוֹיבּ עֶר הָאט אֶפְשָׁר גֶעזֶען עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשׁ, אֵיינֶעם וֶועמֶען זֵיי זוּכְן שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג. עֶר הָאט זֵיי צוּגֶעפִירְט צוּם אוֹיוְון ווּ זֵיי הָאבְּן צוּ זֵייעֶר שְׁטוֹינוּנְג גֶעפִינֶען דֶער קֶענִיג, אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַלְטֶע, צֶערִיסֶענֶע פּוֹיעֶרִישֶׁע קְלֵיידֶער, אוּן לִיגְט אִין אַ טִיפֶע שְׁלָאף.

ווִי דֶער קֶענִיג הָאט נָאר אוֹיפְגֶעמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה מִיט כָּבוֹד אוּן פָּארְכְט - ווִי עֶס פַּאסְט זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אִין קֶענִיגְ'ס אָנְוֶועזְנְהַייט - גֶעפְרֶעגְט מִיט פַּחַד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען אָנְטוּן דֶעם קֶענִיג זַיינֶע פְּרַאכְטְפוּלֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער אוּן אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם קֶענִיגְלִיכְן קַארֶעטֶע. זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט זֶען צוּרִיק אִין פַּאלַאץ מִיט פְּרַאכְט אוּן כָּבוֹד, מִיטְן קְרוֹין אוֹיפְן קָאפּ. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן ווִי עֶר לִיגְט אַזוֹי מִיט אַזֶעלְכֶע פְּרָאסְטֶע, בִּילִיגֶע מַלְבּוּשִׁים.

המשך קומענדיגע בלאט

צו זייערע גרויסע אַנטוישונג האָט זיי דער קעניג קאַטאַגאָריש אָפּגעזאָגט. "ניין! כ'בין נישט מסכּים!" האָט דער קעניג שטרענג אויסגערופן. "בּשום אופן! מיין באַגער איז גאָר אַנדערש ווי איר קלערט! איך וויל אַז דער דאָרפסמאַן זאָל זיין דער וואָס זאָל מיר מיט אַט די טראַגע אַרויספירן אויף זיין האַלב צובראָכענע וואָגן און מיט זיינע פערד זאָל ער מיך פירן אין פּאַלאַץ אַריין צו ווייטער פירן מיין מלוכה איבער'ן לאַנד!"

אויב דאָס איז נישט גענוג געווען צו אַנטוישן, פאַרשעמען, און צעטומלען אַלע חשובֿ'ע האַרן האָט דער קעניג נאָך צוגעלייגט, "איך וויל אויך אַז דער פּשוט'ער תּמימות'דיגער דאָרפסמאַן, נאָר ער, זאָל מיך בּרבּים, פאַר אַלע מיינע אונטערטאַנען, אָנטון מיין כּתר מלוכה און מיך צוריקזעצן אויף מיין פּראַכטפולן גאָלדענעם שטול!

דאָס אַלעס איז ווײַל בּשעת'ן מבול, ווען ס'געווען אַ מצבֿ סכּנה, זענען אייך אַלע זיך צעלאָפן זוכן שוץ, יעדער פאַר זיך אַליין און נישט געלייגט די אייגן לעבן אין זייט צו זען וויאַזוי צו ראַטעווען מיין לעבן. אָבער דער פויער, ער האָט יאָ געזוכט מיין טובֿה און האָט געטון וואָס איז אים נאָר מעגליך צו פאַרגרינגערן מיין צער. דערפאַר וועט ער זיין דער וואָס וועט מיך יעצט באַקרוינען."

דער רבי האָט אויסגעפירט דער מעשה אַז בעקבֿתא דמשיחא וועט זיין אַ מבול און "מען וועט שיסן מיט אַפּיקורסות." דאָס מיינט, דער שטן און אַלע אונזערע שונאים וואָס זוכן אונז צו הרג'ענען וועלן אונז נישט שיסן און דער'הרג'ענען מיט געווער, מיט קוילן און באָמבעס, נאָר זיי וועלן אונז שיסן מיט אַ צווייטע, מער שעדליכע באָמבע - זיי וועלן אונז שיסן מיט אַפּיקורסות.

ביי די מעשה איז געווען אַ מבול פון וואַסער אָבער יעצט אין אונזערע טעג איז דאָ אַ צווייטער מבול. אַ מבול - אַ פלייץ, ביז ממש מען דערטרינקט זיך, פון זייער אַ שעדליכע זאַך: מחשבֿות זרות. געדאַנקען, עצות און שיטות, וואָס זענען נישט פון השם יתבּרך, און נישט פון צדיקים, נאָר פון גוים, פונעם יצר הרע און זיינע באַדינערס, וואָס וויל אַריינדרינגען אין אונזערע איידעלע אידישע הערצער. און עס וועט אים ליידער אין אַ געוויסע זין געלונגען. מ'וועט זיי גלייבן, און מען וועט עס אָננעמען און אפילו אויסשטעלן דעם לעבן צו לעבן דערמיט.

דער רבי זאָגט אַז עס וועט פאַרפלייצן אַפילו הויכע ערטער און אַפילו ארץ ישראל, וואָס איז העכער און מער הייליג פון דער גאַנצער וועלט האָט אויך דאָס וואַסער פון מבול אַריינגעשפּריצט דאָרט. אַזוי וועט אויך אַריינדרינגען די געדאַנקן - אַפילו צו די "כּשר'ע הערצער" - אַט די גוי'שע וועגן, עצות, וועלכע שעדיגן און טוען אָפּהרג'ענען די איידעלע אידישע נשמה.

אַפילו די גרויסע חכמים, ערליכע פון דור, די וואָס זענען באמת די שׂרי מלוכה - האַרן פון השי"ת'ס אַרמיי - די וואָס זענען אייביג נאָנט געווען צו אים, וועלן נישט קענען ביישטיין און פון גרויס פּחד וועלן זיי זיך פאַרשפּרייטן און אַנטלויפן צו ראַטעווען זייער אייגן לעבן. זיי אַליין וועלן זיך נישט קיין עצה געבן און נישט קענען פעסט שטיין אויפן אַלטן אויסגעטראָטענעם ערליכן

המשך אויף זייט 11

# דער ריינער קוואל

אוֹת, און תָּיו איז דער לֶעצְטֶער אוֹת.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט מִיטְן אֱמֶת, וֶוער עֶר בַּאקְלֵיידֶעט מִיטְ'ן אוֹר פוּן בַּאשֶׁעפֶער ווייל עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט גַאנְץ חֹדֶשׁ אֱלוּל "ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי", אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין לֶעכְטִיגְקֵייט, קֶען אִיךְ טְרֶעפְן דִי טִירְן צוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטָאק-פִינְסְטֶער, פוּנֶעם גָלוּת וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָארְט פַארְכַאפְּט.

אַסַאךְ טוֹיעְרְן זֶענֶען פַארְהַאנֶען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם פִינְסְטֶערְן מַצָּב נָאר ווִיבַּאלְד עֶס אִיז טוּנְקְל קֶען מֶען נִישְׁט זֶען דִי טִירְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אַ זַאל וָואס הָאט גָאר אַסַאךְ טִירְן אַרוֹיסְצוּגֵיין, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז דָארְט חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה קֶען עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד רֶעדְט אַ דִבּוּר פוּן אֱמֶת, וֶוערְט אִים לִיכְטִיג, דִי רֵייד מַאכְן אִים לִיכְטִיג קֶען עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין חֹשֶׁךְ.

דֶער אֱמֶת דַארְף אָבֶּער זַיין אַ קְלָארֶע, רֵיינֶע אֱמֶת, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַ לָשׁוֹן "וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז קְלוּג און פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ - יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו, זָאל עֶר אַלֶע זַיינֶע טֶעג בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער - שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד, אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן זָאל עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן אֵיין דִבּוּר פוּן אֱמֶת צוּם בַּאשֶׁעפֶער! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אִין אִין דֶעם אִיז דָא אַסַאךְ סָארְטְן מַדְרֵגוֹת.

אַ אִיד אִיז אַמָאל פַארְקְנַאקְט אִין זַיין מֹחַ, עֶר זֶעט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּנֶעם טוּנְקְלְן מַצָּב, זָאגְט אִים רֶבִּי: "דַיין עֵצָה אִיז זָאלְסְט קוּקְן אוֹיפְן אֱמֶת און בֶּעטְן דֶעם פוּן בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַן אֱמֶת'ן אֱמֶת וֶועט דִיר קַיין שׁוּם חֹשֶׁךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְוַוייטֶערְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, ווייל אֱמֶת אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין! ה' אוֹרִי!" און ווִיבַּאלְד דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין שַׁיינְט אַרַיין פַארְן מֶענְטְשׁ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם חֹשֶׁךְ אִים טוּנְקְל מַאכְן אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ אִין זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶע אָראפְּגֶעפַאלֶענֶע מַדְרֵגָה, זָאל עֶר זָאגְן אֵיין דִבּוּר: "אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף! אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס קַאלְטֶערְהֵייט, וֶועט עֶס אִים הֶעלְפְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיין חֹשֶׁךְ און דַאוֶועגֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין און דוּרְכְדֶעם עֶפְנְט עֶר אִינְאֵיינֶעוֶועגְס אוֹיף אַ טִיר פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען טְרֶעפְן דִי טִיר אַרוֹיס.




דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן מִיט שִׂמְחָה און דְבֵקוּת, עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק פוּן דִי הַפְטוֹרָה "בְּרֶגַע קָטֹן עֲזַבְתִּיךְ וּבְרַחֲמִים גְּדֹלִים אֲקַבְּצֵךְ (ישעיהו נד, ז) אָמֵן וְאָמֵן.

**אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# ~ דִי צֶענְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט




# דֶער בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרִימַאן 2

**אוּן דֶער בֶּערְגֶער.** דֶערְפַּאר וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אַזוֹי אַזַאךְ. אוּן דֶערְצוּ אִיז עֶר עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן (בַּיי שְׁטַאנֶען בַּיי דֶער פְּרוּב) מִיט אִיר (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט אוּן הָאט זִי נִיט אָנְגִירִירְט) דֶערְפַּאר אִיז עֶר **נִפְקַד גִיוָוארִין** (דְהַיְינוּ גִידַאכְט גִיוָוארִין בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ) אוּן עֶר הָאט גִיהַאט דָאס יָאר אַ זוּן,

**אוּן זִי אוֹיךְ** דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ דֶערְפַאר וָואס זִי אִיז בַּאשְׁטַאנֶען אִין אַזוֹי אַ נִיסָּיוֹן מִיט דֶעם יֶעדְנִירַאל אוּן מִיט אִים. דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גִיוֶוען אוּן זִי הָאט גִיהַאט אַ טָאכְטֶער אוּן זִי אִיז גִיוֶוען אַ פַּארְשׁוֹין זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין וָואס סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט נִיט גִיוֶוען. **וָוארִין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן זֶעהְט מֶען גָאר אַזוֹי אַ שֵׁיינְקֵייט נִיט.**

**דִי וֶועלְט פְּלֶעגְט זָאגִין** הַלְוַאי סֶע זָאל אוֹיס וַואקְסִין. (וָוארִין אַזוֹי אַ ווִילְד חִידוּשׁ אִיז שְׁוֶוער אַז סֶע זָאל אוֹיס וַואקְסִין) וָוארִין אִיר שֵׁיינְקֵייט אִיז גִיוֶוען גָאר ווִילְד. וָואס מֶזֶעהְט אַזוֹינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט. פְּלֶעגְט דִי וֶועלְט אַרַיין גֵיין אוּן פְּלֶעגִין קוּמֶען זִי זֶעהְן. אוּן פְּלֶעגִין זִיךְ זֵייעֶר פַּארְוואוּנְדֶערִין אוֹיף אִיר שׁוֹינְקֵייט וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִילְד גִיוֶוען אוּן פְּלֶעגִין אִיר שֶׁענְקֶען מַתָּנוֹת אַלֶע מָאל מַחְמַת לִיבְּשַׁאפְט אוּן זֵיי הָאבִּין אַזוֹי אַלְץ גִישֶׁענְקְט מַתָּנוֹת. **בִּיז דֶער אָרוּם מַאן אִיז רַייךְ גִיוָוארִין.**

**אוּן דֶער בֶּערְגֶער.** אִיז אִים גִיפַאלִין אִין זִין אַרַיין. אַז עֶר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט דֶעם אָרוּם מַאן. מַחְמַת אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. **וָואס סֶע גִיוֶוען אַזוֹי אַ חִידוּשׁ.** אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט אֶפְשֶׁר וֶועט דְרוּיף בַּאטַייטִין דֶער חָלוֹם. (וָואס סֶע הָאט זִיךְ אִים גִיחָלְמְ'ט) אַז מֶע טְרָאגְט אִיבֶּער זַיינְס צוּם אָרוּמַאן. אוּן פוּן דֶעם אָרוּם מַאן טְרָאגְט מֶען אִיבֶּער צוּם אִים (כַּנַּ"ל) אֶפְשֶׁר בַּאטַייט עֶס דְרוּיף אַז זֵיי וֶועלִין זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. וֶועלְין זֵיי אִין אֵיינֶעם אוֹסְגִימִישְׁט וֶוערִין דוּרְךְ דֶעם שִׁידוּךְ.

**אַמָאל אִיז דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ** אַרַיין גִיקוּמֶען צוּם בֶּערְגֶער. הָאט עֶר עֶס אִיר גִיזָאגְט. אַז עֶר הָאט חֵשֶׁק מִיט אִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. אוּן אֶפְשֶׁר וֶועט דֶערְמִיט מְקוּיָּם וֶוערִין דֶער חָלוֹם כַּנַּ"ל. הָאט זִי אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ אִין זִין גִיהַאט. נָאר אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהַאט קֵיין הָעָזָה. אִיךְ זָאל מִיט אַייךְ דֶערְפוּן שְׁמוּסִין. אַז אִיךְ זָאל מִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אַייךְ. נָאר אַז אִיר ווִילְט. בִּין אִיךְ אַוַודְאַי גְרֵייט. אוּן אִיךְ וֶועל בְּוַודַּאי פוּן אַייךְ נִיט פַּארְמַיידִין. וָוארִין אִיךְ הָאבּ זִיךְ גִישְׁווּאוּירִין אַז גָאר מַיין גוּטְץ **אוּן מַיין הַצְלָחָה זָאל פוּן אַייךְ נִיט זַיין פַּארְמִיטִין.**

**אוּן דֶער זוּן** (פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן דִי טָאכְטֶער. הָאבִּין בֵּיידֶע גִילֶערְנְט אִין אֵיין חֵדֶר לְשׁוֹנוֹת אוּן אַנְדֶערֶע זַאכִין אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי זֵיי.

**אוּן דִי טָאכְטֶער** פְּלֶעגְט מֶען קוּמֶען זִי זֶעהְן מַחְמַת גְרוֹיס חִידוּשׁ אוּן מֶע הָאט אַלְץ גִישֶׁענְקְט מַתָּנוֹת. בִּיז דֶער אָרוּם מַאן אִיז רַייךְ **גִיוָוארִין.** אוּן סֶע פְּלֶעגִין קוּמֶען שָׂרָרוֹת זִי זֶעהְן. אוּן זִי אִיז זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין. אוּן אִיר שֵׁיינְקֵייט אִיז בַּיי זֵיי אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. וָוארִין סֶע גָאר נִיט גִיוֶוען קֵיין מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט.

**אוּן מַחְמַת אִיר ווִילְד גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט.** אִיז שָׂרָרוֹת גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט דֶעם אָרוּם מַאן. אוּן אַ שְׂרָרָה וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ זוּן. הָאט עֶר חֵשֶׁק גִיהַאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִיר. לוֹשְׁמִיר סֶע אִיז דִי שָׂרָרוֹת נִיט אָן גִישְׁטַאנֶען מִיט אִים זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. (דְהַיְינוּ מִיט דֶעם אָרוּם מַאן) אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי גִימוּזְט זֶעהְן זִיךְ מְשַׁתַּדֵּל

זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ **גְרוֹיס מַאכִין** (דְהַיינוּ דֶעם אָרוּם מַאן) אוּן זֵיי הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר זָאל **דִינֶען בַּיים קֵיסֶר**. אוּן עֶר אִיז גִיוָואִרין פְּרִיר **אַ פְּרָאפִּירְטְשִׁיק**.

**אוּן דֶערְנָאךְ** הֶעכֶער הֶעכֶער אַלֶע מָאל. וָוארְן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אִים גִיךְ צוּ הֵייבִּין אַלֶע מָאל בִּיז עֶר אִיז גִיךְ גִיוָואִרין אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. **בִּיז עֶר אִיז גִיוָואִרין אַ יֶעדְנִירַאל,**

**אוּן דִי שְׂרָרוֹת** הָאבִּין שׁוֹין גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים, נָאר סֶע זֶענֶען גִיוֶועןאַסַאךְ שְׂרָרוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין דָאס גִיוָואלְט. וָואִרין אַסַאךְ שְׂרָרוֹת זֶענֶען דְרוֹיף גִיפַאלִין. אוּן הָאבִּין זִיךְ דְרִינֶגְען גִיפָּארֶעט. צוּ הֵייבִּין אִים אַלֶע מָאל (אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקָאנְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵךְ זַיין) אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקָאנְט מִיט קֵיינֶעם מְשַׁדֵךְ זַיין **מַחְמַת דֶעם בֶּערְגֶער**. וָואִרין מֶע הָאט שׁוֹין גִישְׁמוּסְט אַז מֶע זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים.

**אוּן דֶער אָרוּם מַאן**. וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָואִרין **אַ יֶעדְנִירַאל**. הָאט עֶר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען. אוּן דֶער קֵיסֶר פְּלֶעגְט אִים שִׁיקִין אִין מִלְחָמוֹת אַרַיין. הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען אַלֶע מָאל.

**הָאט אִים דֶער קֵיסֶר** נָאךְ הֶעכֶער אוֹיף גִיהוֹיבִּין אַלֶע מָאל הֶעכֶער הֶעכֶער. אוּן עֶר הָאט אַלְץ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען.

**בִּיז דֶער קֵיסֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין**. הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז זֵיי זָאלִין אִים מַאכִין פַאר קֵייסֶר אוּן סֶע זֶענֶען צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען אַלֶע שְׂרָרוֹת.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע מַסְכִּים** גִיוֶוען אַז עֶר זָאל זַיין קֵיסֶר אִיז עֶר **גִיוָואִרין קֵיסֶר**. (הַיינוּ דֶער אָרוּם מַאן הַנַ"ל אִיז שׁוֹין גִיוָואִרין קֵיסֶר)

**אוּן עֶר הָאט גִיהַאלְטִין מִלְחָמוֹת**. אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט אַיינְגִינוּמֶען מְדִינוֹת. אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מִלְחָמוֹת גִיהַאלְטִין אוּן **הָאט אַלְץ מַצְלִיחַ גִיוֶוען**.

**אוּן הָאט אַלֶע מָאל** וַוייטֶער אָפּ גִינוּמֶען מְדִינוֹת. בִּיז דִי אִיבְּרִיקֶע מְדִינוֹת הָאבִּין זִיךְ אַלֵיין אוּנְטֶער גִיגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים מִיט גוּטְן וִוילִין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן דִי הַצְלָחָה זַיינֶע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. וָוארִין גָאר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט אוּן גָאר **דָאס מַזְל פוּן דֶער וֶועלְט אִיז בַּיי אִים**.

**הָאבְּן זִיךְ אַיין גִיזַאמְלְט** אִין אֵיינֶעם אַלֶע מְלָכִים. אוּן הָאבִּין מַסְכִּים גִיוֶוען. אַז עֶר זָאל זַיין **אַ קֵיסֶר אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט**. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיגִיבִּין אַ כְּתַב מִיט גִילְדֶענֶע אוֹתִיוֹת.

**אוּן דֶער קֵיסֶר** (דְהַיינוּ דֶער אָרוּם מַאן וָואס עֶר אִיז גִיוָואִרין קֵיסֶר אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט) הָאט שׁוֹין **הַיינְט** נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין **מִיט דֶעם בֶּערְגֶער**. וָוארִין סֶע שְׁטֵייט נִיט אָן **אַ קֵייסֶר** זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט **אַ בֶּערְגֶער**.

**אוּן זַיין וַוייב** דִי קֵיסֶרְטֶע. זִי הָאט נִיט אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם בֶּערְגֶער (דְהַיינוּ זִי הָאט מִיט דֶעם בֶּערְגֶער גִיהַאלְטִין וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן אִירֶעט וֶועגְן כַּנַ"ל)

**הָאט דֶער קֵיסֶר גִיזֶעהְן** אַז עֶר קָאן קֵיין שִׁידוּךְ נִיט טָאן מַחְמַת דֶעם בֶּערְגֶער. בִּפְרַט זַיין וַוייבּ הַאלְט מִיט אִים זֵייעֶר. דְרוּם הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ **טְרַאכְטְן מַחְשָׁבוֹת** אוֹיף דֶעם בֶּערְגֶער. אוּן אִין דֶער תְּחִילָה הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִים בְּדַלוּת צוּ שְׁטֶעלִין אוּן עֶר הָאט גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת. גְלַייךְ אַז וִוי סֶע אִיז נִיט פוּן אִים.

**אוּן הָאט אַלְץ גִיזֶעהְן** אִים גוֹרֵם צוּ זַיין הֶיזֵיקוֹת. אוּן אַ קֵיסֶר קָאן דָאס בְּוַודְאַי טָאן. הָאט מֶען אִים אַלֶע מָאל שָׁאדִין גִיטָאן אוּן מְהָאט אִים אַלְץ אִיזְבּאוֹיט גֶעלְט. בִּיז עֶר אִיז **בְּדַלוּת גִיוָואִרין**. אוּן עֶר אִיז גִיוָואִרין גָאר אֵיין **אָרוּם מַאן**.

**אוּן זִי דִי קֵיסֶרְ'טֶע** הָאט אַלְץ מִיט דֶעם בֶּערְגֶער גִיהַאלְטִין. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער קֵיסֶר גִיזֶעהְן. אַז כָּל זְמַן **דֶער זוּן לֶעבְּט** (דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) קָאן עֶר קֵיין אַנְדֶערִין שִׁידוּךְ נִיט טָאן.

**הָאט דֶער קֵיסֶר זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גִיוָוען** דֶעם בָּחוּר מַעֲבִיר זַיין פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט גִיטְרַאכְט מַחְשָׁבוֹת אִים מַעֲבִיר צוּ זַיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיף אִים אוֹיף גִישְׁטֶעלְט בִּלְבּוּלִים. אוּן הָאט אוֹיף אִים גִיזֶעצְט שׁוֹפְטִים זֵיי זָאלִין אִים מִשְׁפָּטִין.

**אוּן דִי שׁוֹפְטִים** הָאבִּין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם קֵיסֶרְס רָצוֹן אִיז אַז מִזָאל אִים **מַעֲבִיר מִן הָעוֹלָם זַיין** הָאבִּין זֵיי אוֹיס גִיגִיבְּן דֶעם מִשְׁפָּט. אַז מִזָאל אִים אַרַיין לֵייגִין אִין אַ זַאק (דְהַיינוּ דֶעם בָּחוּר דֶער זוּן פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן מִזָאל אִים אַרַיין וַוארְפִּין אִין יַם אַרַיין

**אוּן דִי קֵייסֶרְטֶע.** קָאן אוֹיךְ גָאר נִיט טָאן אַקֶעגִין קֵיסֶר. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען צוּ דִי מְמוּנִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְמוּנֶה גִיוֶוען (גִיזֶעצְט גִיוֶוען) אִים אַרַיין צוּ וַוארְפִּין אִין יַם אַרַיין אוּן זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּ זֵיי אוּן אִיז זֵיי גִיפַאלִין צוּ דִי פִּיס. אוּן זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז זֵיי זָאלִין דָאס אִיר צוּלִיבּ טָאן אוּן זֵיי זָאלִין אִים אַוֶועק לָאזִין. וָוארִין פַארְוָואס קוּמְט אִים מִיתָה.

**אוּן זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין** אַז זֵיי זָאלִין נֶעמֶען אֵיין אַנְדֶערְן שָׁבוּי וָואס עֶר אִיז חַיָיב מִיתָה אוּן זֵיי זָאלִין אִים אַרַיין וַוארְפְּן אִין יַם. אוּן דֶעם בָּחוּר זָאלִין זֵיי לָאזִין. הָאט זִי דָאס בַּיי זֵיי גִיפּוֹעֶלְט. הָאבִּין זֵיי אִיר גִישְׁוואוֹירִין אַז זֵיי זָאלְין אִים לָאזִין.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן זֵיי הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אוּן הָאבִּין אִים אַרַיין גִיוָוארְפִּין אִין יַם אַרַיין. אוּן אִים הָאבִּין זֵיי גִילָאזְט. אוּן הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. גֵיי גֵיי אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער בָּחוּר אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַ בַּר דַעַת אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**אוּן פַאר דֶעם** דְהַיינוּ פְּרִיר אֵיי דֶער בָחוּר אִיז אַוֶועק אִיז גִיגַאנְגֶען דִי קֵיסֶרְטֶע. אוּן הָאט גִירוּפְן אִיר טָאכְטֶער אוּן זִי הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גִיזָאגְט. מַיין טָאכְטֶער. זָאלְסְט וִויסִין אַז **דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן עֶר אִיז דַיין חָתְן.**

**אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט גָאר דִי מַעֲשֶׂה** וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גִיטָאן. אוּן וִוי דֶער בֶּערְגֶער הָאט זִיךְ **מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן מַיינֶעט וֶועגִין.** אוּן עֶר אִיז מִיט מִיר גִיוֶוען אִין דִי זִיבִּין עֶרְטֶער (דְהַיינוּ אִין דִי זִיבִּין עֶרְלֵיי וַואסֶערִין) אוּן אִיךְ הָאבּ אִים אַלֶע מָאל גִישְׁוואוֹירִין בַּיי גָאט אַז גָאר מַיין גוּטְץ **זָאל פוּן אִים נִיט זַיין פַארְמִיטִין.** אוּן אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען דִי זִיבִּין עֶרְטֶער צוּ עֵדוּת (דְהַיינוּ דֶעם גְרוּבּ אוּן דִי מִקְוֶה אוּן דִי אַלֶע אִיבְּרִיקֶע זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערִין)

**בְּכֵן הַיינְט.** בִּיסְטוּ זִיךְ גָאר מַיין גוּטְץ אוּן גָאר מַיין מַזְל אוּן מַיין גְלִיק. בִּיסְטוּ בְּוַודַאי זַיין. אוּן זַיין זוּן עֶר אִיז דַיין חָתְן. אוּן דַיין טַאטֶע מַחְמַת זַיין **גַדְלוּת** וִויל עֶר אִים הַרְגֶענֶען אוּמְזִיסְט. אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין מִשְׁתַּדֵל גִיוֶוען אִים מַצִיל צוּ זַיין. אוּן אִיךְ הָאבּ גִיפּוֹעֶלְט אַז מִזָאל אִים לָאזִין. **עַל כֵּן.** זָאלְסְטוּ וִויסִין אַז עֶר אִיז דַיין חָתְן (דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) אוּן דוּ זָאלְסְט נִיט וֶועלִין קֵיין שׁוּם אַנְדֶערִין חָתְן אִין דֶער וֶועלְט.

**הָאט דִי טָאכְטֶער צוּ גִינוּמֶען דֶער מוּטֶערְס רֵייד.** וָוארְן זִי אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען **אַ יִרְאַת שָׁמַיִם.** אוּן זִי הָאט גִיעֶנְפֶּערְט דֶער מוּטֶער. אַז זִי וֶועט בְּוַודַאי הַאלְטְן אִירֶע רֵייד.

**אִיז גִיגַאנְגֶען דִי טָאכְטֶער.** אוּן הָאט גִישִׁיקְט **אַ כְּתַב** צוּם דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִין דֶער תְּפִיסָה אַרַיין. אַז זִי הַאלְט זִיךְ אִין אִים. אוּן **עֶר אִיז אִיר חָתְן.** אוּן זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט אַזוֹי וִוי **אַ שְׁטִיק לַאנְד קַארְט.** אוּן זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיס גִימָאלְט **אַלֶע עֶרְטֶער** וָואס דִי מוּטֶער אִירֶע הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט זַיין פָּאטֶער. וָואס זֵיי זֶענֶען **דִי זִיבִּין עֵדוּת.** דְהַיינוּ **דֶער גְרוּבּ** אוּן **דִי מִקְוֶה** אוּן **דִי אִיבְּרִיקֶע** כַּנַ"ל. דְהַיינוּ זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיס גִימָאלְט אַזוֹי וִוי **אַ גְרוּבּ** אוּן אַזוֹי וִוי **אַ מִקְוֶה** אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע **זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערְן.** **אוּן זִי הָאט אִים זֵייעֶר אָנְגִיזָאגְט.** אַז עֶר זָאל **דָאס כְּתַב** זֵייעֶר הִיטִין. **אוּן זִי הָאט זִיךְ אוּנְטְן אוּנְטֶער גְחַתְמֶ'ט.**

וועג. "קיינער וועט זיך נישט דער האלטן נאר פשוטי ישראל" - די אלע וואס זעען אויס פשוט און קליין אין די וועלט'ס אויגן. נישט דווקא קיין אויסגערופענע און גרויסע. די אלע וואס זאגן תהלים מיט פשיטות אדער טוּן אנדערע פשוט'ע מצוה'לעך מיט תמימות לויט זייער מעגליכקייטן. צו זיי און צו זייערע מעשים האט השם יתברך א ספעציעלע ליבשאפט. עס האט ביי אים דאס געשמאקסטע טעם.

און דערפאר וועט ער דווקא זיי, די פשוט'ע תמימות'דיגע אידן, אויסקלויבן פון צווישן אלע אנדערע. ווען משיח וועט קומען וועט ער נאר זיי לאזן אים אנטון דעם כתר מלוכה אין אנוועזנהייט פונעם גאנצן וועלט אז ער זאל קעניגן איבער דער גאנצער וועלט, במהרה בימינו אמן.

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צענטע מעשה (2) ־ פונעם בערגיר מיטן עני

**א. וועלכע שכר האט דער בערגיר באקומען?**
- [ ] ס'איז אים געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- [ ] ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע
- [ ] ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**ב. וועלכע שכר האט באקומען די ווייב פונעם ארימאן?**
- [ ] ס'איז איר געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- [ ] ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע
- [ ] ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**ג. וואס איז געווען דער סוף פונעם ארימאן?**
- [ ] ער איז געווארן נאכמער ארים
- [ ] ער איז געווארן זייער רייך
- [ ] ער איז נפטר געווארן

**ד. ווען דער בערגיר האט געבעטן די ווייב פונעם ארימאן זיך צו משדך זיין, וואס האט זי געענטפערט?**
- [ ] אויב איר ווילט בין איך זיכער גרייט
- [ ] יא
- [ ] ניין

**ה. וואס האט מען צום ערשט געמאכט דעם ארימאן?**
- [ ] פאר א פראפירטשיק
- [ ] פאר א יעדנירער
- [ ] פאר א שר

**ו. וואס איז דער ארימאן געווארן צום סוף?**
- [ ] א יעדנירער
- [ ] א קיסר איבער די גאנצע וועלט
- [ ] א קיסר

**ז. וואס האבן די קעניגן געגעבן פאר'ן קיסר?**
- [ ] אסאך טייערע מתנות
- [ ] א גאלדענע קרוין מיט דימאנטן
- [ ] א כתב מיט גילדענע אותיות

**ח. פארוואס האט דער ארימאן זיך נישט געוואלט זיך משדך זיין מיט'ן בערגיר?**
- [ ] ווייל עס פאסט נישט אז א יעדנירער זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- [ ] ווייל עס פאסט נישט אז א קיסר זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- [ ] ווייל די ווייב פון ארימאן האט נישט געוואלט זיך משדך זיין

**ט. וואס האט דער קיסר געטראכט צו טאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- [ ] אים צו מאכן ארים
- [ ] אים מעבר זיין פון די וועלט
- [ ] ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. צום סוף איז געלונגען פאר'ן קיסר אויסצופירן די פלאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- [ ] ניין.
- [ ] אים צו מעביר זיין יא, אים צו ארים מאכן נישט.
- [ ] ער האט אים סיי ארים געמאכט און סיי מעביר געווען.

**יא. וואס האט פארציילט די ווייב פון ארימאן פאר איר טאכטער?**
- [ ] איר גאנצע מעשה און ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר איר
- [ ] די שבועה וואס זי האט געשווארן אז איר גאנצע גוטץ זאל נישט זיין פארמיטן פון אים
- [ ] ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. די ווייב פון ארימאן האט געזאגט פאר איר טאכטער אז דער טאטע וויל הרג'ענען דעם זוהן פון בערגיר, פארוואס?**
- [ ] ווייל ער האט אים פיינט
- [ ] ווייגן זיין גדלות
- [ ] ווייגן זיין שלעכטיקייט

**יג. און וואס האט זי איר געזאגט וועגן חתונה האבן?**
- [ ] זאלסט לכתחילה נאר חתונה האבן מיט'ן זוהן פון בערגיר
- [ ] מעגסט חתונה האבן מיט ווער דו ווילסט
- [ ] דער זון פון בערגיר איז דיין חתן, און זאלסט נישט וועלן קיין אנדערן אויף דער וועלט

**יד. פארוואס האט די טאכטער אנגענומען די ווערטער פון איר מאמע?**
- [ ] ווייל זי האט געשפירט די אמת'דיקייט פון די ווערטער
- [ ] ווייל די מאמע איז געווען א יראת שמים
- [ ] וויל די טאכטער איז אויך געווען א יראת שמים

**טו. וואס האט די טאכטער אויסגעמעלעוועט אויף די כתב וואס זי האט געשיקט פאר'ן זוהן פון בערגיר?**
- [ ] אלע פלעצער וואו איר מאמע האט זיך באהאלטן מיט זיין טאטע
- [ ] די מדברות און וועלדער וואו זיי האבן זיך באהאלטן
- [ ] ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייטער ארויס פון די מעשה?**
- [ ] ווי נישט גוט איז די גאווה פונעם קיסר
- [ ] ווי גוט איז די יושר פון די ווייב פונעם ארימאן
- [ ] ______________________.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

בס"ד

מתמידים

# והודעתם לבניך

אייערע
קינדער זאלט
איר מודיע זיין
וואס דא האט
זיך געטון

אין דעם מתמידים
ווערט בעז"ה
פארגעלערנט דורך
ערליכע ברסלב'ע
מגידי שיעור
און מלמדים,

קיצור שולחן ערוך,
ספרי ברסלב דורך א
טעלאפאן ליין.

אויך וועט געטיילט
ווערן מתנות און
גורלות, און נאך
פראגראמען בעז"ה.

# אייערע קינדער לאזט וויסן...

בשורה טובה מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז די רעגיסטראציע פון מתמידים גייט אן אין פולן שוואונג. ביטע איינשרייבן אייער אינגל ווי אמשנעלסטן אז מיר זאלן נאך אניאגן צו שיקן דעם ערשטן פעקעדזש נאך פאר די מתמידים הייבט זיך אן.

## די מתמידים הייבט זיך אן בעז"ה

## זונטאג חיי שרה, י"ט חשון הבעל"ט

זיך איינצושרייבן רופט:

**1-518-329-9227**

**646-213-4766**

**02037459540** ענגלאנד

**0733517202** ארץ ישראל

פאר מער אינפארמאציע

אין לאנדאן
קען מען זיך ווענדן צו
הרב ר' משה בערגער הי"ו

אין מאנסי
הרב ר' אברהם משה
שווארטץ הי"ו

אין ווילאמסבורג
הרב ר' יוסף קליין הי"ו